# LIVING TORAH

## פרשת וישב

### בס"ד. התוועדות י"ט כסלו תשמ"ז

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

דער שייכות און ענין המשותף פון י"ט כסלו און חנוכה, און אויך אז דאס איז פארבונדן מיט דער גאנצער וועלט,

ווי דער אלטער רבי שרייבט אין זיין אגרת וואו ער באשרייבט ווי אזוי ער איז באפרייט געווארן י"ט כסלו, אז דאס איז געווען א זאך וואס האט דערגרייכט און ס'איז געווען בהסכמתם פון עמי הארץ און שרי ועמי הארץ,

און ווי ס'איז פארשטאנדיק אויך פון סיפור הדברים – ביז בידיעה פון דעם "מושל בכיפה" פון יענער מדינה בזמן ההוא, ואדרבא – **בציווי** שלו, ווארום ס'איז דאך דעמולט געווען דער מעמד ומצב, אז כל דבר קטן, עאכו"כ א דבר כזה, האט געמוזט האבן ניט סתם אן אישור, נאר – א **ציווי** און **דחיפה** פון דעם "מושל בכיפה" פון יענער מדינה, וואס זי איז דעמולט געווען די גרעסטע מושלת בכפה פון כל הארץ,

ועד"ז אויך בנוגע לימי חנוכה, אז אע"פ וואס דאס איז דאך א נצחון פון אידן לגבי מלכות יוון –

שטייט דאך אבער גלייך דערביי "מלכות יון **הרשעה**", איז דאך דא דער דיוק כאמור אז דאס רעדט זיך וועגן **אזא** מלכות,

וואס דערפון גופא איז פארשטאנדיק, אז ווען דאס איז היפך פון "הרשעה", ובפרט נאך אז ס'איז אראפגעקומען אין מעשה בפועל, וואס "המעשה הוא העיקר", און אראפגעקומען אין די ענינים וואס זיי זיינען פארבונדן ביי אידן מיט נר מצוה ותורה אור, עאכו"כ היפך פון דעם ענין פון "מורדת",

ואדרבא – אז מ'דארף דוקא מדגיש זיין נאכאמאל און נאכאמאל, אז דער יסוד פון דער גאנצער מדינה איז פארבונדן דערמיט מיט **אמונה** להקב"ה, און ניט סתם אמונה להקב"ה, נאר – אמונה אין הקב"ה אלס א בורא עולם ומנהיגו,

ועד כדי כך, אז שלא כדעת המשונים, וואס זיי ווילן איינרעדן אז מאמינים איז מען, נאר וואס דען – "רם על כל גוים ה' על השמים כבודו", און ער פארנעמט זיך מיט ענינים פרטיים –

איז דער יסוד מדינה זו געבויט אויף דערויף, אז די וואס ווערן אנגערופן די "מייסדי" המדינה און די "**אבות**" המדינה, האבן גלייך קומענדיק אין דער מדינה – מכריז געווען און געמאכט א "יום טוב" אלס א נתינת תודה להקב"ה לבורא העולם ומנהיגו, פארוואס ער האט זיי מציל געווען און זיי געבראכט אין א מקום בטוח און זיי קענען לעבן אן פארפאלגונגען און אן רדיפות און אן גזירות, און פירן זיך ווי בא זיי קומט-אויס,

אנהויבנדיק פון דער אמונה אין דעם אויבערשטן, אז דער אויבערשטער איז בורא עולם ומנהיגו בפשטות אין זייער זמן און אין זייער ענין **פרטי** און אין זייער **הצלה** פרטית,



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת וישב

ועד כדי כך – אז מ׳האט דאס קובע געווען אלס א חוק, אז מידי שנה בשנה אז עס וועט קומען אט דער טאג (ע״ד ווי דערמאנט פריער) – דארף מען נאכאמאל דערמאנען און מכיר-תודה זיין און אפגעבן א תודה מקרב לב עמוק, צו דעם אויבערשטן פארוואס ער האט זיי באוויזן חסדו בגלוי.

ועד כדי כך אז דאס איז געווארן איינגעשטעלט, אז אפילו די אנשים משונים, וואס זיי ווייסן אז אין הארץ גלויבן זיי, אבער מצד טעמים שונים ומשונים באַרימען זיי זיך אז זיי האבן **ניט** קיין אמונה רח״ל, אדער אז זיי האבן אן אמונה אין דעם אויבערשטן אז ער געפינט זיך ערגעץ-וואו אין רקיע השביעי וכו׳,

אע״פ וואס ער ווייס אז בשעת עס רירט אים אן א זאך **באמת** – איז ער מתפלל צו דעם ״סופּער-ביאינג״, צו דעם אויבערשטן, אז ער זאל אים ארויסהעלפן,

עאכו״כ אז ער איז זיך משתתף אין די אלע ענינים וואס זיי זיינען פארבונדן מיט נתינת תודה אין יסוד מדינה זו דורך די ערשטע **ניט-אידן** וואס זיינען אהערצו אנגעקומען.

וכמדובר כמ״פ, אז אע״פ וואס צווישן זיי איז אויך געווען אידן, אבער **רובם**, און די וואס האבן קובע געווען אט דעם ״יום טוב״ – איז דאס געווען פון די שבעים אומות.

און דערנאך איז דאס אזוי אנגענומען און מידי דור מדור לדור, עד דורנו זה,

ביז וואנענט אז דוקא בדורינו זה, ובשנים הכי אחרונות, האט מען אויך איינגעפירט, אז דוקא פון דעם בית וואס דארטן געפינט זיך אט דער וואס פירט-אן, אע״פ וואס ער איז א בשר-ודם, האט אים דער אויבערשטער געגעבן די שליחות, ״לב מלכים ביד ה׳״, אויף אנפירן מיט אט דער מדינה,

און פירט דאס אן אין אן אופן אויף **מכריז** זיין וועגן דעם ענין פון שבע מצוות בני-נח, און – מכריז זיין בנוגע צו דער **מנורה** במיוחד, וואס איז פארבונדן מיט חנוכה, און מכריז זיין וועגן דערויף אין אן אופן פון א **בולט׳ן** אופן און א **גלוי׳דיקן** אופן, און א גלוי לעיני כל,

וועט ער אויך מוסיף זיין, און מוסיף זיין ביתר שאת וביתר עוז וביתר פרסום, און זיכער וועט דאס אים אויך ארויסהעלפן אין די **אנדער** בלבולים וואס ער האט, און זיכער ארויסהעלפן אין בריאות הגוף, אז, בפשטות, זאל ער מתוך גוף בריא נאכמערער מוסיף זיין אין הפצת הטוב והצדק והיושר,

אנהויבנדיק פון מכריז זיין בגלוי, אז וואו נאר א איד וויל אוועקשטעלן א מנורה, און פארבינדן דאס און אנצינדן דאס, ובאופן דמוסיף והולך ואור, מידי לילה בלילה, די אלע שמונה לילות, ובזמן המתאים –

איז מען אים מסייע, ואדרבא, אויב מ׳טוט דאס אין א מקום של ״פרסומי נסא״ – איז דאס **נאכמערער** פארבונדן מיט דעם רוח און מיט דעם יסוד פון אט די אלע וואס האבן אנגעהויבן זייער זיין במדינה זו דורך דאנקען דעם אויבערשטן,

וואס דאס איז דאך אויך דער ענין בפנימיות ובפשטות פון הדלקת נרות המנורה – איז דאך דאס, א **דאנק דעם אויבערשטן** פארוואס ער האט מציל געווען צדיקים ביד רשעים,



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת וישב

וואס דאס איז דאך דער יסוד פון דער מדינה: אויף מציל זיין צדיקים מיד רשעים – אע"פ וואס די זיינען "**גבורים**" בגשמיות, און די זיינען "**חלשים**" בגשמיות,

וואס דעמולט וועט דאס אויך העלפן און פועל זיין בפשטות אין כל **חלקי** המדינה, און ממדינה זו – אויך אין **אנדערע** מדינות,

ובמיוחד אז דאס אלץ וועט נאכמערער צוהיילן די הלכה וואס דער רמב"ם ברענגט אראפ, וכמוזכר לעיל, אז עס וועט זיין בקרוב ממש "אקר אל כל העמים כולם לעבדו כולם שכם אחד", "והיתה לה' המלוכה", אין דעם אויבערשטן "אין גאָד ווי טראסט",

במהרה בימינו ממש.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.